# די באַלאַדע פון דער אַלטער מיטן קויש און די פּאַסאַזשירן אויף אַ פּליכטלינג־שיף

(געווידמעט דר. גינזבורג)

איינגעוועבט אין זיך די גרויקייט פון ים,
איינגעזאַפּט אין זיך דאָס וויג־ליד פון ים,
איינגעזאַפּט אין זיך דעם ווייסן שוים,
דעם זילבער־שוים
פון וואָלקנס ווייסע שאָף —
— שלאָף, שלאָף!

וויגן וויגט מיך אין געשמאַק אַזוי
אַן אַלטע, אַלטע פרוי
מיט גרויע לאַנג־צעלאָזטע האָר,
אירע אויגן וואַסערדיק, ניט קלאָר.
איר קול אַ מאָנאָטאָנער רויש,
זי וויגט מיך אין אַ גרויסן וואַסער־קויש.
זי וויגט מיך מיט אירע אַלטע הענט,
זי וויגט און טראָגט מיך ווייט אין בוואָליענדיקן רוים,
און פּלוצלינג וועקט זי מיך: שטיי אויף, שטיי אויף!
איך הער אין קול אירן אַ טרויעריקן רוף,
עס ענטפערן סירענען, ווי אַ ווידער־קול,
אַ שיף באַווייזט זיך מיט אַמאָל,
און מענטשן שטייען שווייגנדיק ביים ראַנד פון שיף,
און מענטשן קוקן שטילע אין דער טיף,
די אַלטע טוט אַ וויג פאַר זיי איר וואַסער־קויש,
זי רעדט, איר קול איז מאָנאָטאָנער רויש:
„איר האָט גערופן מיך,
איך בין געקומען גיך,
ווי אַ מוטער צו אַ קינד אין נויט.
עס איז דאָס אומגליק גרויס,
נאָר ווי אַ מוטערס שויס
מיין קויש איז אָנגעגרייט“.

די אַלטע וויגט פֿאַר זיי דעם וואַסער־קויש,
זי רעדט, איר קול איז מאַנאָטאָנער רויש:

„פֿאַרטריבן פֿון דער היים?
מײַן ווײַסער שוים
איז אײַער היים!

פֿאַרשפּאַרט איז יעדע טיר?
ניט קלאַפּט אומזיסט, ניט בעט,
איך עפֿן אויף אַ טיר
און זעט:
עס וואַרט אויף אײַך אַ בעט...

פֿאַרבאָטן יעדער ברעג?
אָן גרענעץ איז דער וועג
בײַם סוף פֿון אײַערע טעג.

איר האָט גערופֿן מיך,
איך בין געקומען גיך
ווי אַ מוטער צו אַ קינד אין נויט.

עס איז דאָס אומגליק גרויס,
נאָר ווי אַ מוטערס שויס
וואַרט אויף אײַך מײַן טרייסט.

פֿאַרשפּאַרט איז יעדע טיר?
ניט קלאַפּט אומזיסט, ניט בעט,
איך עפֿן אויף אַ טיר
צו אַ קילן, לאַשטשענדיקן בעט.

פֿאַרבאָטן יעדער ברעג?
אָן גרענעץ איז דער וועג.
בײַם סוף פֿון אײַערע טעג.

פֿאַרטריבן פֿון דער היים?
מײַן ווײַסער שוים איז אײַער היים.
אין אײַער ווײסן, ווייכן בעט —
דערהערט איז דאָס געבעט".

# טויבן אויפן וועלפעיר־אײלאַנד

אפילו די טויבן ווערן דאָ אַלט און קראַנק,
און די גלאַטקייט פון זייערע פליגלען
ווערט צעשטערט,
די אויגעלעך, ווי פון בעלמעס, ווערן ניט קלאָר,
און עס שטעקן מיאוסע פעדערלעך, ווי גרויע האָר,
אויפן פערלמוטערנעם רוקן.
נידעריק צו דער ערד
די מידע קעפּלעך זיי בוקן;
ווי צעריסענע אַסיען־בלעטער, ווי אַלטינקע קראַנקע,
שלייכן זיי אַרום איבער דער ערד.